דאונלאודעד פון טיעמס: 7/24/19 8:22pm

**פראגע #1: עלעקשאנס**

דער פארשלאג וואלט געטוישט די סיטי טשארטער צו:

געבן פאר וויילערס די ברירה צו אויסוועלן א רייע פון פינף קאנדידאטן אין פריימערי און ספעציעלע עלעקשאנס פאר מעיאר, פאבליק אדוואקאט, קאמפטראלער, בארא פרעזידענט, און סיטי קאונסיל אנגעהויבן פון יאנואר 2021. אויב וויילער ווילן נאך אלס אויסוועלן נאר איין קאנדידאט, קענען זיי אזוי טוען. א קאנדידאט וואס באקומט א מערהייט פון ערשטע-אויסוואל שטימען וואלט געווינען. אויב עס איז נישט פארהאן קיין געווינער לויט די מערהייט, וועט דער קאנדידאט וואס איז אריין לעצט ווערן ארויסגענומען. וויילער וואס האבן געהאט דעם קאנדידאט אלס זייער ערשטע אויסוואל וועלן האבן זייער שטימונג אריבערגעפירט צו זייער נעקסטע אויסוואל.  מען וועט איבערמאכן דעם פראצעס ביז עס בלייבן נאר צוויי קאנדידאטן, און די קאנדידאט מיט די מערסטע שטימעס וועט ווערן די געווינער. דער פארשלאג וועט אויסמיידן באזונדערע ראן-אף פריימערי עלעקשאנס פאר מעיאר, פאבליק אדוואקאט, און קאמפטראלער;

פארלענגערן די צייט אפשניט צווישן א פאסירונג פון א ליידיגע שטעלע אין אן עלעקטעד סיטי אפיס און ווען א ספעציעלע עלעקשאן מוז ווערן פאררופן צו ערפולן די ליידיגע שטעלע. ספעציעלע עלעקשאנס וואלטן אין אלגעמיין ווערן פאררופן 80 טעג נאך די שטעלע ווערט ליידיג, אנשטאט 45 טעג (פאר פאבליק אדוואקאט, קאמפטראלער, בארא פרעזידענט און קאונסיל מעמבערס) אדער 60 טעג (פאר מעיאר); און

פארראכטן די צייט טערמין פון די פראצעס פון פארמירן סיטי קאונסיל דיסטריקט גרעניצן אזוי אז עס ווערט פארענדיגט פאר א סיטי קאונסיל קאנדידאט הייבט אן זאמלען פעטיציע אונטערשריפטן כדי צו קענען ארויפקומען אויפן שטים-צעטל פאר די נעקסטע פריימערי עלעקשאנס. דער פראצעס קומט פאר יעדע צען יאר.

זאל מען אננעמען דעם פארשלאג?

דאונלאודעד פון טיעמס: 8:22pm 7/24/19

**<u>פראגע 2#: ציווילע קלאגע איבערזיכט באורד</u>**

דער פארשלאג וואלט געטוישט די סיטי טשארטער צו:

פארמערן די צאל פון די ציווילע קלאגע איבערזיכט באורד (CCRB) פון 13 צו 15 מיטגלידער דורך צולייגן איין מיטגלידער באשטימט דורך די פאבליק אדוואקאט און צולייגן איין מיטגליד וואס ווערט באשטימט דורך די מעיאר צוזאמען מיטן ספיקער פון די קאונסיל וואס וועט דינען אלס טשעיר, און צו צושטעלן אז די קאונסיל זאל דירעקט באשטימען אירע CCRB מיטגלידער אנשטאט זיי פארשטעלן פאר די מעיאר'ס באשלוס און באשטימונג.

פארלאנגן אז די CCRB'ס יערליכע שטאב בודזשעט זאל זיין[{1 גענוג הויך צו שטיצן א CCRB ארבעטער צאל איניג מיט 0.65% פון די פאליציי דעפארטמענט'ס צאל אפיצירן אין מונדירן, סיידן די מעיאר מאכט א שריפטליכע באשלוס אז די פיסקעל געברויכן פארלאנגט א נידריגערע בודזשעט צאל;

פארלאנגן אז דער פאליציי קאמישינער זאל צושטעלן די CCRB מיט א שריפטליכע ערקלערונג ווען די פאליציי קאמישינער פלאנט צו אוועקנויגן אדער האט אוועקגענויגט פון די דיציפלין פארגעשלאגן דורך די CCRB אדער דורך די פאליציי דעפארטמענט דעפיוטי (אדער אסיסטענט דעפיוטי) קאמישינער פאר טרייעלס;

ערלויבן די CCRB צו אויספארשן די ווארהייט פון סיי וועלכע באדייטנדע דערקלערונג וואס ווערט געמאכט אינעם פארלויף פון א CCRB אויספארשונג אדער שליכטונג פון א קלאגע דורך א פאליציי אפיציר ווען מען האט געקלאגט, און פארשלאגן דיציפלין קעגן דעם פאליציי אפיציר וואו עס איז פאסיג; און

ערלויבן CCRB מיטגלידער, דורך א מערהייט אפשטימונג, צו איבערגעבן די באורד'ס מאכט צו ארויסגעבן און אויספירן סובפינעס צו צווינגען עדות צו קומען און צו ארויסגעבן רעקארדס פאר זייער אויספארשונג צו די CCRB עקזעקוטיוו דירעקטאר.

זאל מען אננעמען דעם פארשלאג?

דאונלאודעד פון טיעמס: 8:22pm 7/24/19

**פראגע #3: עטיקס און גאווערנענס**

דער פארשלאג וואלט געטוישט די סיטי טשארטער צו:

פארבאטן סיטי עלעקטעד באאמטע און סיניאר אויפגענומענע באאמטע פון קומען פאר אן אגענטור (אדער, און טייל פעלער, די אפצווייג פון רעגירונג) פאר ווען זיי האבן געדינט אין די צוויי יאר נאך זיי פארלאזן סיטי סערוויס, אנשטאט די יעצטיגע איין יאר. דער טויש וועט זיין שייך פאר מענטשן וואס פארלאזן עלעקטעד אפיס אדער סיטי ארבעט נאך יאנואר 1, 2022;

טוישן די מעמבערשיפ פון די קאנפליקטס פון אינטערעסע באורד (COIB) דורך טוישן צוויי פון די מעמבערס וואס זענען יעצט אויסגעוועלט דורך די מעיאר מיט איין מעמבער וואס ווערט אויסגעוועלט דורך די קאמפטראלער און איין מעמבער וואס ווערט אויסגעוועלט דורך די פאבליק אדוואקאט;

פארבאטן מיטגלידער פון COIB צו נעמען אנטייל אין קאמפיינען פאר לאקאלע עלעקטעד אפיס, און פארמינערן די מאקסימום צאל פון געלט וואס מיטגלידער מעגן געבן אין יעדע עלעקשאן רונדכ צו די צאל וואס קאנדידאטן קענען באקומען פון די וואס טוען ביזנעס מיט די סיטי ($400 אדער ווייניגער, געוואנדן אויף די אפיס);

פארלאנגן אז די סיטיווייד דירעקטאר פון די מינאריטעט- און פרויען- אייגענטומען ביזנעס ענטערפרייז (M/WBE) פראגראם זאל באריכטן דירעקט צו די מעיאר און ווייטער פארלאנגען אז די דירעקטאר זאל ווערן געשטיצט דורך די מעיארעל אפיס פון M/WBEs; און

פארלאנגען אז די סיטי'ס קארפארעישאן קאונסיל, יעצט באשטימט דורך די מעיאר, זאל אויך ווערן באשטעטיגט דורך די סיטי קאונסיל.

זאל מען אננעמען דעם פארשלאג?

דאונלאודעד פון טיעמס: 8:22pm 7/24/19

**<u>פראגע #4: סיטי בודזשעט</u>**

דער פארשלאג וואלט געטוישט די סיטי טשארטער צו:

ערלויבן די סיטי צו נוצן א רעוועניו סטאביליזאציע פאנד, אדער "רעגנדיגע טאג פאנד," צו אוועקלייגן געלט פאר באנוץ אין שפעטערדיגע יארן, אזוי צו זיין גרייט צו אדרעסירן אומערווארטעטע פינאנציעלע שוועריגקייטן. מען וועט אויך דארפן טוישן די סטעיט געזעץ כדי צו קענען נוצן די רעגנדיגע טאג פאנד;

אוועקשטעלן מינימאלע בודזשעטס פאר די פאבליק אדוואקאט און בארא פרעזידענטס. די בודזשעט פאר יעדע אפיס וועט זיין כאטש אזוי הויך ווי די פיסקעל יאר 2020 בודזשעט צוגעפאסט יעדעס יאר מיטן קלענערן פון די אינפלעישאן ראטע אדער די פערצענטישע טויש אין די סיטי'ס גענצליכע קאסטן בודזשעט (אויסער געוויסע טיילן), סיידן די מעיאר באשטומט אז א קלענערע בודזשעט ווערט פיסקעלי פארלאנגט;

פארלאנגען אז די מעיאר זאל אריינגעבן א נאן-פראפערטי שטייער רעוועניו אפשאצונג צו די סיטי קאונסיל ביז אפריל 26 (אנשטאט יוני 5). די מעיאר קען אריינגעבן א דערהיינטיגטע אפשאצונג נאך דעם דאטום, אבער מוז ערקלערן פארוואס די דערהיינטיגטע אפשאצונג איז פיסקעלי פארלאנגט אויב די דערהיינטיגונג ווערט אריינגעגעבן נאך מאי 25; און

פארלאנגען אז, ווען די מעיאר מאכט טוישונגען צו די סיטי'ס פינאנציעלע פלענער וואס פארלאנגט בודזשעט טוישונגען צו ווערן אויסגעפירט, זאל די פארגעשלאגענע בודזשעט טויש ווערן אריינגעגעבן צו די קאונסיל אינערהאלב 30 טעג.

זאל מען אננעמען דעם פארשלאג?

דאונלאודעד פון טיעמס: 8:22pm 7/24/19

**<u>פראגע 5#: לאנד באנוץ</u>**

דער פארשלאג וואלט געטוישט די סיטי טשארטער צו:

פאר פראיעקטן וואס פאלן אונטער די יוניפארם לאנד באנוץ איבערזוכט פראצעדור (ULURP), פארלאנגען אז די דעפארטמענט פון סיטי פלאנירונג (DCP) זאל איבערגעבן א דעטאלירטע פראיעקט קיצור צו די אפעקטירטע בארא פרעזידענט, בארא באורד און קאמיוניטי באורד כאטש 30 טעג פאר די אפליקאציע איז סערטיפייד פאר פאבליק איבערזוכט, און צו שטעלן א קיצור אויף זייער וועבזייטל; און

צושטעלן פאר קאמיוניטי באורדס מער צייט צו איבערקוקן ULURP אפליקאציעס סערטיפייד פאר פאבליק איבערזוכט דורך די DCP צווישן יוני 1 און יולי 15, פון די יעצטיגע 60 טעג איבערזוכט טערמין צו 90 טעג פאר אפליקאציעס סערטיפייד אין יוני, און צו 75 טעג פאר אפליקאציעס סערטיפייד צווישן יולי 1 און יולי 15.

זאל מען אננעמען דעם פארשלאג?